# אסתּר
## (אסתּר שומיאַטשער-הירשביין לזכּרון)

## ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

אַרויס פֿון דער אונטערערד-טורמנע
און אַרויף אויפֿן העכסטן גאָרן
איר אויסגעטאָקטע דירה
אין בלאָ געבאָדענע פּאַנאָראַמע
הימל און טײַך געאָרעמט
אַקעגן דער פּאָעטישער דאַמע
ווענט אירע — איין וויברירן:
דער פֿאַרביקער גאַנג, זייערע טעג...
בילדער — סקולפּטאָרן, סווועניר
זי און איר פּרץ — אַ פֿלייִקער גאַנג.
סע שפּינען אירע ווערטער זייערע חלומות
אַן אָן-סופֿיקער שפּאַן איבער
די ווײַטסטע מקומות
און יעדער טראָט אַן איבערלעב
און יעדער טאָג אַ נײַער אָנהייב
אינדיע: ייִדישע ביכער
פֿאַר טאַגאָרעס אַקאַדעמיע
מיט צאַרט-ברעכיקע פֿינגער
צעלייגט זי דעם כּיבוד
אופֿנעמען געסט אַן אמתע פֿרייד איר.
סצענעס שורהן זיך פֿון פֿאַרגילדיקטן
זכּרון-אַלבאָם
איר אַלטער חן אויף צעיונגטע ליפּן
יעדער ריר-און-קער
מיט גראַציע-טיולן באַהויכט.
נאָר אַ זידנע לץ זיך אָנגעזעצט
און פֿאַרפֿירט דעם מעשׂה-פֿאָדעם
פֿאַרלירט זיך דער אָנהייב
פֿאַרגעסט זיך דער סוף.
בעט איר אומרויִקער שמייכל: זײַט מוחל.
זיקנה — אַן אומפּאַסיקער גאַסט
בײַ אַזאַ ווונדערלעכער פּאָעטעסע.